# מאמר התחזקות:

**א רייכע אוצר פון הלכה און חיזוק אויף שמירת עינים**




געשריבן לויטן תוכן הספר
**שמירת עינים כהלכה**
וואס וועט בס"ד
ארויסגעגעבן ווערן דורך
**הוצאות טהור עינים**

שנה ד' גליון מ"ח | משפטים-תרומה תש"פ

ספעציעלע סעריע לקראת ימי השובבי"ם


# וְלֹא תָתוּרוּ אַחֲרֵי עֵינֵיכֶם

## דער הלכה'דיגער חיוב פון שמירת עינים — ג'

### פרק ג' - וויסן קלאר דעם הלכה'דיגן חיוב

**שמירת עינים איז נישט קיין פרומקייט אדער מדת חסידות | די סכנה פון נישט וויסן | מיין האר, איך בין דיך אלעס גרייט צו פאלגן חוץ אין זאך | די ערשטע עצה אויף שמירת עינים**

*אין די פריערדיגע מאמרים האבן מיר ארויסגעברענגט דעם שטארקן חיוב אין הלכה וואס איז דא ביי שמירת עינים, ווי דער איסור פון הסתכלות בנשים איז גע'פסק'נט אין שלחן ערוך און אין די פוסקים. מיר האבן אויך ארומגערעדט איבער'ן טעות פון "מיר וועט דאס נישט שאטן", ווי דאס איז נישט ריכטיג, נישט על פי הלכה און נישט אינעם מציאות.*

*אצינד וועלן מיר ברענגען פון די ספרים הק' איבער דאס נחיצות צו וויסן קלאר דעם חיוב גמור אויף יעדן איד וואס איז דא אין שמירת עינים, און נישט זיך טועה זיין ח"ו אז דאס איז בלויז א מדת חסידות און א פרומקייט.*

***

## שמירת עינים איז נישט קיין פרומקייט אדער מדת חסידות

ס'איז זייער וויכטיג צו געדענקען שטענדיג און חזר'ן דעם איסור פון הסתכלות בנשים, ס'זאל זיין גוט איינגעקריצט אינעם מענטש אז שמירת עינים איז נישט קיין פרומקייט אדער מדת חסידות, נאר א קלארער לאו אין דער תורה און א בפירוש'ער חיוב מצד ההלכה וואס ווערט גע'פסק'נט אין שלחן ערוך. און דערפאר נעמט דאס אריין יעדן איד, אין יעדן מקום, און אין יעדן זמן, פונקט ווי אלע אנדערע מצוות התורה.

דער יצר הרע פארלייגט שטארקע כוחות צו פארנארן דעם מענטש כאילו שמירת עינים איז נישט קיין חיוב גמור מעיקר הדין. אמת, ער ווייסט טאקע ווי ווייט ערליכע אידן אין אלע דורות האבן אכטונג געגעבן אויף שמירת עינים, ס'דאכט זיך אים אבער אז דאס איז אלץ בלויז מדריגות און פרישות מיט וואס בני עליה האבן זיך געפירט. און אז איינער איז דערביי, מה טוב ומה נעים, אבער ווען ס'קומט נישט אן לייכט, ס'זענען דא שוועריקייטן דאס איינצוהאלטן, פטר'ט מען זיך דערפון. און דאס איז גורם אז מ'זאל ליידער נכשל ווערן טאג טעגליך מיט איסורים חמורים.

אין ספה"ק **דרך פקודיך** באקלאגט ער זיך איבער דעם טעות וואס איז דא ביים המון עם, און ער דריקט זיך אויס דערויף גאר שארף:[א]

ס'זענען דא אסאך פונעם המון עם וואס באטראכטן דעם ענין פון היטן די אויגן ווי מילי דחסידי און זיי זענען נישט נזהר פון קוקן אויף פרויען. זאלסטו וויסן אז דאס איז אן איסור דאורייתא, און די וואס זענען זיך מקיל דערין, ווייי איז צו זיי, ווייל זיי ברענגען אויף זיך שלעכטס. שמירת עינים איז א בפירוש'ער פסוק אין דער תורה, "ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם", און חלילה וחלילה צוצוהערן צו די וואס זאגן אז דאס איז נאר ממילי דחסידי. דער וואס האט פארשטאנד זאל דאס שטענדיג האלטן פאר זיינע אויגן, און ער זאל וויסן קלאר און געדענקען אז דאס איז אן איסור גמור אן קיין שום היתר.

## למען תספר:

### דער פחד ביי די אכציג יאר

א בחור איז אמאל געקומען צו **הגאון רבי אליהו לופיאן זצ"ל**, משגיח ישיבת כנסת חזקיהו, און אים געבעטן רשות צו גיין צו א חתונה וועלכע איז פארגעקומען אין דער משפחה.

רבי אלי' האט געקענט די משפחה, און ער האט פארשטאנען אז דאס צניעות ביי דער חתונה וועט נישט זיין אינגאנצן אויסגעהאלטן. האט ער געפרעגט דעם בחור צי ס'וועט נישט פארקומען קיין תערובות דארט ביי דער שמחה. דער בחור האט אנגעהויבן זיך פארענטפערן אז זיין טאטע גייט, זיין מאמע גייט, זיי וועלן זיצן באזונדער... און צום סוף האט ער זיך געגעבן א רוף אן, "מיר וועט עס זיכער נישט שאטן!"

רבי אלי' איז אויפגעשפרונגען הערנדיג זיינע ווערטער, און ער האט געזאגט פאר דעם בחור מיט א קענטיגן פחד: **"איך בין שוין אן אלטער איד פון אכציג יאר, און איך בין בלינד אויף איין אויג, און דאך ציטער איך יעדעס מאל וואס איך גיי ארויס אויף דער גאס אז איך זאל נישט נכשל ווערן מיט קיין ראיות אסורות. און דו, א יונג בחור'ל מיט צוויי פליישיגע אויגן, זאגסט אז ס'וועט דיך נישט שאטן?"**

**בקודש חזיתיך** עמ' קפא, בשם ספר **לב אליהו** עמ' יג

### קיינמאל נישט נכשל געווארן במשך צוויי יאר

**הגה"ק רבי אהרן ראטה זצ"ל**, בעל שומר אמונים, האט אלס בחור געלערנט אין דער שטאט ווייטצען. דארט האט אים איינער פון די שטאטישע בעלי בתים איינגעלאדנט צו זיך ער זאל קומען עסן ביי אים יעדן שבת.

דער איד איז נישט געוועזן קיין גרויסער בעל השגה, און ער האט באשטימט רבי אהרנ'ס פלאץ ביים טיש קעגנאיבער זיינע טעכטער.

המשך אויף זייט 2


## זכות הוצאות הגליון

נתנדב ע"י
הרה"ח ר' **אברהם יושע גלאנץ** הי"ו
לרגל נשואי בנו למז"ט הבה"ח **יעקב** נ"י עב"ג בת
הרה"ח ר' **משה הערש** ברח"א **בראך** הי"ו
זמן החתונה יום ה' **תצוה** הבעל"ט - באולם בית רחל פאראדייס ק"י

בזכות זיכוי הרבים יעזור השי"ת שהזיווג יעלה יפה ויתברכו בכל טוב מתוך הרחבת הדעת ואך טוב וחסד ירדפוהו כל ימי חייהם

## למען תספר:

המשך פון זייט 1

האט רבי אהרן שפעטער פארציילט פאר זיינע תלמידים, אז ער האט געגעסן ביי דעם בעל הבית צוויי גאנצע יאר, און במשך דער גאנצער צייט האט ער קיין איין איינציג מאל נישט געקוקט אויף זיינע טעכטער. און ער האט צוגעלייגט, אז ער האט געהאט א שמירה עליונה אז אפילו בטעות האט ער זיי אויך קיינמאל נישט געזען!

**עובדא דאהרן** פרק ז

## חתן-כלה אויפגעוואקסן אינאיינעם

דער ירושלימ'ער רב **הגה"ק רבי משה אריה פריינד זצ"ל** איז אויפגעצויגן געווארן אין שטוב פון זיין זיידן דער הוניאדער רב זצ"ל. דארט ביי זיין זיידן איז אויך אויפגעוואקסן זיין קוזינע, אן אנדערע אייניקל פונעם הוניאדער רב, מיט וועמען ער האט שפעטער חתונה געהאט. זי איז געווען א יתומה און געוואוינט דארט פון די עלף יאר בערך.

ווען זיי זענען ביידע עלטער געווען און מ'האט מחליט געווען זיי משדך צו זיין, האט זיך איינער אנגערופן צום אנדערן זיידן פון רב, הגה"ק מנאסויד זצ"ל, אז ס'פעלט נישט אויס אז די חתן-כלה זאלן זיך טרעפן פאר'ן שידוך, ווייל זיי זענען דאך אויפגעוואקסן צוזאמען, קענען זיי זיך זיכער גוט.

הערנדיג דאס האט זיך דער נאסוידער רב אנגערופן: **"איך בין גרייט צו שווערן אז ער האט איר נישט געזען אפילו איין מאל!"**

**משה רעיא מהימנא** פרק א

## די אלטע קנויטן מאכערין פון טבריה

אין דער צייט פון **הגה"ק רבי משה קליערס זצ"ל**, דער רב פון טבריה, איז געווען אין טבריה אן אלטע פרוי, ארום הונדערט יאר אלט, וואס זי פלעגט מאכן קנויטן לכבוד שבת. אירע קנויטן זענען געווען שטארק בארימט אין שטאט אלס גאר ספעציעל, און יעדער האט געזוכט צו קויפן דוקא אירע קנויטן.

אין א טאג גייענדיג אין גאס, האט דער שטאט רב געזען א קופקע מענטשן שמועסן. ווען ער האט זיי געפרעגט פון וואס מ'רעדט, האבן זיי אים פארציילט אז די אלטע קנויטן מאכערין איז אוועק, און איינער פון די פארזאמלטע האט זיך אנגערופן אז ס'איז אינטערעסאנט, ווייל נאר נעכטן האט ער איר געזען, און זי האט אויסגעקוקט געזונט און פריש.

הערנדיג דאס האט זיך דער צדיק געגעבן א דריי אויס צו יענעם, זאגנדיג: **"ווי שעמסטו דיך נישט צו זאגן אז דו האסט איר געזען! דו ביזט דאך נכשל געווארן מיט'ן קוקן אויף א פרעמדער פרוי!"**

**קדושת עינים** פט"ו אות לט, בשם הרה"צ ר' זעליג וויינבערג בן הברכת אברהם מסלאנים זצ"ל.

# די סכנה פון נישט וויסן

דאס נישט זיין זיכער ביי זיך מיט א קלארקייט דעם איסור פון ראיות אסורות, שטעלט מיט זיך פאָר א שרעקליכע סכנה. ווייל ווען איינער איז עובר אן עבירה צוליב וואס ס'איז אים שווער דאס איינצוהאלטן, ווייסט ער כאטש ביי זיך אז ס'איז אסור, און ממילא איז נאך דא א שאנס אז איין טאג וועט ער זיך אפלאזן דערפון און תשובה טון. אויב אבער ווייסט ער ניטאמאל אז ס'איז אסור, ער רעדט זיך איין אז דאס וואס ער טוט איז מותר אדער ס'איז בלויז א מדת חסידות, וועט ער קיינמאל נישט צוקומען תשובה צו טון דערויף, און ס'וועט נישט נעמען קיין עק צו די איסורים וואס ער קען עובר זיין במשך זיין גאנצן לעבן רח"ל.

מיר געפינען טאקע אין **חז"ל** אז הסתכלות בעריות איז איינע פון די 24 זאכן וואס זענען מעכב די תשובה פון א מענטש (ברייתא מובאה ברי"ף פרק בתרא דיומא), און דער הייליגער **רמב"ם** (הלכות תשובה פ"ד ה"ד) ערקלערט, אז דאס איז די סיבה, וויבאלד א מענטש וואס היט נישט זיינע אויגן כאפט נישט אז דאס איז אן איסור גמור, און דעריבער ווערט ער נישט נתעורר תשובה צו טון דערויף:[ב]

**איינער וואס קוקט אויף נשים, קלערט ביי זיך אז ער טוט נישט קיין שום עבירה. ווייל ער טראכט, האב איך דען עובר געווען אויף איינער פון די עריות? איך האב דאך נאר געקוקט! ער ווייסט נישט אז דאס בלויזע קוקן מיט די אויגן איז א גרויסע זינד, וויבאלד דאס ברענגט צו גופי עבירה, אזוי ווי ס'שטייט אין פסוק "ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם".**

# מיין האר, איך בין דיך אלעס גרייט צו פאלגן חוץ איין זאך

בנוסף צו דעם, אויב געוואוינט מען זיך רח"ל איין נישט צו זיין נזהר אין שמירת עינים ווערט די עבירה פיל הארבער. ווי דער הייליגער **רבינו יונה** שרייבט אין שערי תשובה[ג] גאר פארכטיג, אז ווען איינער איז נישט גרייט מקבל צו זיין אויף זיך צו זיין נזהר פון הסתכלות בנשים און ער טרעט אויף דעם איסור, דאן ווערט ער פארערכנט רח"ל ווי א "מומר לדבר אחד", ווייל ער איז נישט מקיים במזיד איין מצוה פון די תרי"ג מצוות התורה בקביעות.

ער גיבט דאס צו פארשטיין מיט א משל, אז ס'איז גלייך ווי דער קנעכט פון א גרויסן קעניג זאל זאגן פאר'ן מלך: "מיין האר, איך בין דיך אלעס גרייט צו פאלגן, חוץ איין זאך וואס איך וויל נישט טון וואס דו הייסט." איז דען שייך א גרעסערע מרידה ווי דעם?

די זעלבע איז א מענטש וואס איז פורק עול פון זיך די איין מצוה. דאס איז כאילו ער זאגט פאר'ן מלך מלכי המלכים, "איך בין גרייט איינצוהאלטן דיין גאנצע תורה אויסער די מצוה פון 'ולא תתורו אחרי עיניכם', דאס נעם איך נישט אויף מיר." און אויף אזא איינעם, פירט רבינו יונה אויס, זאגט דער פסוק "ארור אשר לא יקום את **כל** דברי התורה הזאת" - ער איז נישט מקיים **די גאנצע** תורה, איין מצוה וויל ער נישט מקבל זיין צו טון.

די ווערטער פון רבינו יונה ווערן נאכגעברענגט אין פארשידענע פוסקים להלכה,[ד] אז אויב א מענטש באשליסט אז היטן די אויגן איז נישט פאר אים און באופן קבוע גיבט ער נישט אכטונג דערויף, ווערט ער פארערכנט ווי א מומר לדבר אחד רח"ל.

אויך דער גרויסער פוסק, הגאון הגדול **בעל שבט הלוי זצ"ל**, איז שטארק מזהיר אין זיין צוואה איבער שמירת עינים, און ער שרייבט צווישן אנדערן: "אויב גיבט מען נישט אכטונג און מען געוואוינט זיך איין צו קוקן און דאס חזר'ט זיך איבער אסאך מאל, ווערט מען ח"ו אנגערופן א מומר לדבר אחד".

***

# די ערשטע עצה אויף שמירת עינים

דערפאר איז אזוי וויכטיג צו לערנען און חזר'ן דעם הלכה'דיגן חיוב פון שמירת עינים, צו איינווארצלען אין זיך אז כדי צו זיין א פשוט'ער איד וואס איז מקיים די תרי"ג מצוות, דארף מען זיך היטן די אויגן. אויב חלילה נישט, איז מען עובר אויף א לאו מפורש אין דער תורה.

און דאס איז באמת די ערשטע און בעסטע עצה אויף שמירת עינים. ווייל ווען א מענטש ווייסט דאס מיט א קלארקייט, ער פארשטייט אז זיך צוריקהאלטן פון קוקן וואו מ'טאר נישט איז נישט סתם עפעס אן "ענין" אדער א "חומרא" מיט וואס געוויסע פירן זיך, ער לעבט מיט דער ריכטיגער הכרה אז דאס איז א חיוב מן התורה אויף יעדן איד, פארלייכטערט אים דאס גאר שטארק די גאנצע עבודה פון היטן די אויגן.

דער שטערקסטער מהלך פונעם יצר הרע אז מ'זאל נאכלאזן פון שמירת עינים, איז אריינברענגען דעם מענטש אין ספיקות און צומישעניש, ער זאל נישט זיין זיכער ביי זיך אז דאס איז אסור בהחלט און איינע פון די תרי"ג מצוות. און אפילו ווען א מענטש ווייסט יא אז ס'איז אסור צו קוקן ראיות אסורות, טרעפט דער יצר הרע פארשידענע מיטלען צו פארדרייען דעם קאפ אז "נישט פון דעם רעדט מען מיט שמירת עינים" און "נישט דאס מיינט מען".

יעדעס מאל קומט ער מיט פרישע ספיקות און אויסריידן אז ביי דעם פאַל גילט נישט דער לאו פון "ולא תתורו". נאר ביי פריצות'דיגע זאכן גייט אן דער איסור; יעצט איז מורא'דיג וויכטיג; ביי דער ארבעט קען מען מקיל זיין; מיינע ארומיגע געבן נישט אזוי אכטונג, וואס דארף איך זיין אנדערש ווי יעדן; מ'קען נישט זיין פרום אויף יענעמ'ס חשבון; און אזוי ווייטער און ווייטער קומט ער אלץ מיט נייע חידושים און חשבונות אז נישט דאס מיינט מען.

אט די אומקלארקייט איז פון די גרעסטע גורמים אז דער מענטש זאל דורכפאלן ווען ס'קומט צו א נסיון. ווייל ווילאנג ס'בלייבט אפן א טיר ביי א מענטש אויף א געוויסער זאך אז אפשר מעג ער יא, וועט ער ביי יעדן נסיון זיך טרעפן פונדאסניי אין א מלחמה מיט זיך אליין. אפילו אויב למעשה וועט ער זיך שטארקן, וועט עס נישט דורכגיין אָן א קאמף וואו ער וועט דארפן באשליסן אז ער טוט דאס נישט. און פארשטייט זיך אז נישט אלעמאל וועט ער ארויסגיין דער זיגער.

אבער ווען ער ווייסט זיכער אן קיין שום שאלה אז דאס איז אסור, ס'נעסטיגן נישט ביי אים קיין ספיקות, אפשר אהער, אפשר אהין, איז אים אסאך גרינגער זיך צו מתגבר זיין. ער האט נישט קיין מלחמה מיט זיך אליין, ס'איז קלאר: דאס טאר מען נישט טון. אפשר דארף ער זיך שלאגן מיט נסיונות, אבער ער ביי זיך ווייסט אויף הונדערט פראצענט וואס ער האלט און וואס ער וויל טון.

~

לאמיר אנכאפן אויף דעם א דוגמא פונעם טאג טעגליכן לעבן:

קיין שום איד האט נישט א נסיון צו עסן טריפה. אפילו ווען איינער וועט זיך געפינען אינמיטן וועג און ער וועט זיין מורא'דיג הונגעריג אָן קיין שום כשר'ן מאכל צו דער האנט, וועט ער נישט ארייַנשפאצירן אין א גוי'אישן רעסטאראנט און קויפן נאכטמאל, יהיה מה שיהיה. דאס זעלבע ווען ער וועט זיין אויף א ביזנעס מיטינג און מ'וועט דארט סערווירן עפעס נישט כשר'ס, וועט ער דאס אויף קיין פאל נישט ארייננעמען אין מויל, אפילו ס'וועט אים קאסטן בזיונות, און אפילו אויב ער וועט צוליב דעם דערלייגן דעם גאנצן ביזנעס דיל - ס'טייטש, איך בין א איד, און איך עס נאר כשר'ס!

וואס וועט אבער זיין אויב דער מאכל וועט נישט זיין בהחלט טריפה, ס'וועט זיין דערויף א קלער אז אפשר מעג מען דאס עסן. דא וועט אים שוין דער נסיון אנהייבן שפילן... עסן, זיך צוריקהאלטן, אפשר אין א שעת הדחק קען מען זיך מורה היתר זיין... הכלל, אפילו ער וועט זיך סוף כל סוף מתגבר זיין, וועט עס אים שוין נישט זיין אזא דבר פשוט ווי ביים ערשטן פאל אז דאס עסט ער נישט בשום אופן.

די זעלבע איז מיט שמירת עינים. איינמאל ס'איז איינגעבאקן אינעם מענטש טיף אז דאס איז עפעס וואס די תורה לאזט נישט טון, ווייסט ער, "א איד קוקט נישט, די תורה לאזט נישט!" אויב פעלט אבער פון דער זיכערקייט, ס'איז דא א מקום פאר ספיקות אז אפשר איז דאס נישט ממש אסור, איז אסאך שווערער ער זאל זיך קענען שטארקן.

אין א צייט פון נסיון, ווען שמירת עינים קומט אן שווער פאר א מענטש צוליב סיי וועלכער סיבה, זאל ער טראכטן צו זיך: וואלט איך אויך יעצט געגעסן טריפה פלייש צוליב דער שוועריקייט? וואלט איך אויך מחלל שבת געווען צוליב דעם? וואלט איך מוותר געווען אויף מצות צום סדר נאכט? דער זעלבער באשעפער וואס האט געגעבן די מצוות האט אויך באפוילן צו האלטן הייליג די אויגן, ביידע האבן מיר באקומען אייניג ביים בארג סיני. פונקט ווי איך וואלט חלילה נישט עובר געווען אויף זיי, וועל איך אויך נישט עובר זיין אויף "ולא תתורו".

און די אלע חשבונות און תירוצים וואס דער יצר הרע שלעפט צוזאם אז דא גייט עס נישט אן, יעצט איז אנדערש, או"ו, וואלט איך איינגעשטעלט א ביזנעס דיל באזירט אויף אזעלכע סברות? וואלט איך אפילו איינגעשטעלט א 'פופציגער' אויף דעם סמך? דער ציווי פון דער תורה הקדושה איז מיר נאך ווערד אזוי סאך, און איך וועל מיך ח"ו נישט אוועקרירן דערפון אויף קיין שום פאל.

דאס וועט בעז"ה געבן דעם ריכטיגן כח בייצושטיין אלע נסיונות!

# גאונות אין קדושה

המשך פון זייט 4

די נושא איז פאר הרב פאלק געגאנגען בנפשו ממש, עד כדי כך אז ער איז פערזענליך ארומגעגאנגען אין פארשידענע סעמינארן האלטן דרשות בעניני צניעות ולבוש, אויפצוקלערן און דערהייבן אידישע טעכטער. מיט זיין גרויס יראת שמים האט ער זיך ממש געבעטן מיט בכיות אז מ'זאל גיין אנגעטון ווי ס'פאסט פאר בנות ישראל הכשרות. בלויז אין דער לעצטער וואך איידער זיין פטירה, דעם פארגאנגענעם פרשת שמות, האט ער געגעבן צווי דרשות אין סעמינארן פאר אידישע טעכטער.

## מאיר עיני ישראל

אין זיין ספר "לבושה של תורה" האט הרב פאלק זצ"ל אויך ארייַנגעדרוקט דעם פלא'דיגן קונטרס "איסורא דהסתכלות בנשים", אין וועלכן דער גאון איז מבאר און נעמט ארום די גאנצע סוגיא פון שמירת עינים און דער לאו דאורייתא פון "ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם" בכל פרטיהם ודקדוקיהם. אויך איז ער מלבן דארט ארומיגע נושאים, ווי "אחורי אשה", "קול באשה", "דרכא אחרינא", אא"ו.

אין אונזער ארבעט ארויסצוגעבן דעם גליון, האבן מיר במשך פון די יארן שוין אסאך נהנה געווען און שותה געווען ממימיו הנאמנים מיט מקורות בהלכה און וויכטיגע ידיעות וואס הרב פאלק זצ"ל ברענגט אין זיינע ספרים, צו קענען איבערגעבן פאר'ן ציבור משנה ברורה והלכה ברורה אינעם ענין פון שמירת עינים. מ'קען זאגן אז דער זיכוי הרבים וואס קומט ארויס דורך דעם גליון איז צוגעשריבן אין גרויסן טייל צו דער עבודת הקודש פון הגאון רבי פסח אליהו זצ"ל, וואס מן ההר אל העם האט ער זיך אראפגעלאזט מברר צו זיין די גאנצע נושא לזכות את הרבים.

דאס הסתלקות פון דעם גאון איז א שטארקע אבידה פאר כלל ישראל, און דער זכות הרבים פון זיינע ספרים נפלאים באגלייטן אים זיכער בגנזי מרומים. זאל ער זיין א מליץ טוב פאר אלע אידן וואס זענען מקבל השפעה של קדושה דורך זיינע ספרים נפלאים.

*מחמת חוסר המקום נשמט מדור "מכתבים למערכת"

### מקורות והוספות

**א]** זה לשון **הדרך פקודיך** ל"ת לה חלק הדיבור אות ו': "תדע ידידי, שהרבה מהמון עם חושבים כי זה רק מילי דחסידי ואינם נזהרים מהסתכלות בנשים, תדע ידידי שזה איסור מדאורייתא, והמקילים או לנפשם כי גמלו להם רעה. והנה מקרא מלא הוא בתורה, 'ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם' וכו'. ראה ידידי עד היכן הדברים מגיעים, וכל ההמון אינם חושבים זה לאיסור רק למילי דחסידי, וחלילה חלילה לשמוע לדבריהם וכו'. והמשכיל על דבר ישים כל זה לנגד עיניו, וידע על כרחך שזה איסור גמור בלי שום היתר".

**ב]** זה לשון **הרמב"ם**: "המסתכל בעריות מעלה על דעתו שאין בכך כלום, שהוא אומר, וכי בעלתי או קרבתי אצלה, והוא אינו יודע שראיית העינים עון גדול, שהיא גורמת לגופן של עריות, שנאמר ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם".

**ג]** זה לשון **השערי תשובה** אות ו' (בקיצור): "אמת הדבר כי יש מן הצדיקים שנכשלים בחטא לפעמים, אכן כובשים את יצרם מאת פניהם, ואם יפלו בחטא פעם אחת, לא ישנו לו, וחוזרים בתשובה, אך כל אשר אינו נזהר מחטא ידוע ואינו מקבל על נפשו להשמר ממנו, אף על פי שהוא נזהר מכל העבירות שבתורה, קראוהו חכמי ישראל 'מומר לדבר אחד' (חולין ד:), וגדול עוונו מנשוא, כי אם אמר יאמר העבד לרבו, 'כל אשר תאמר אלי אעשה זולתי דבר אחד', כבר שבר עול אדוניו מעליו, והישר בעיניו יעשה, ועל הענין הזה נאמר (דברים כז, כו) 'ארור אשר לא יקים את דברי התורה הזאת לעשות אותם', באורו אשר לא יקבל על נפשו לקיים כל דברי התורה מראש ועד סוף. וראה ראינו כי רבו עונות הדור על זאת, כי יש אנשים רבים שאינם מקבלים על נפשם להזהר מעבירות ידועות, וכל ימי חייהם אינם נזהרים בהן, אבל הן אצלם כהיתר, כמו הסתכל בעריות וכו' ורבות כאלה" עכ"ל בקיצור.

**ד]** **עבודת הקודש** להחיד"א ח"ה יוסף בסדר ס"א א, **שו"ת חיים שאל** סי' עה, וכ"כ **בפלא יועץ** ערך עריות.


## מודעה

בסייעתא דשמיא ארבעטן מיר ארויסצוגעבן א ספעציעלע סעריע, **"שמירת עינים אין שפיטאל"** - פארשידענע הלכות, עצות, און חיזוק אויף שמירת עינים ווען ס'קומט אויס צו זיין אין שפיטאל. אויב האט איר סיי וועלכן געדאנק, סיפור, ערפארונג, וכדומה אין דער נושא, ביטע רופט **845.206.9879** און לאזט א מעסעדזש.

~

צו דער זעלבער צייט ווילן מיר אויך מודיע זיין פאר אלע וואס האבן געלאזט מעסעדזשעס אדער אריינגעשיקט בריוו צו דער מערכת, אז צוליב דעם גרויסן פלוס קען דויערן א לענגערע צייט ביז ס'קומט אן אינעווייניג אינעם גליון, אזוי אויך לייגן מיר דאס צומאל אוועק אויף א ספעציעלן זמן.

לזכרו של הגאון רבי פסח אליהו פאַלק זצ"ל בעל "מחזה אליהו"

# גאונות אין קדושה

**דער גרויסער פוסק וואס האט באלאכטן די וועלט מיט זיינע גאונ'ישע חיבורים אין עניני קדושה וצניעות ושמירת עינים**

דער עולם התורה איז איינגעהילט אין טרויער מיט'ן הסתלקות פונעם פוסק מובהק הגאון הגדול רבי פסח אליהו פאלק זצ"ל, מגדולי הרבנים ומרביצי תורה אין געיטסהעד, ענגלאנד, וועלכער איז פלוצלינג אוועק פון דער וועלט דעם פארגאנגענעם מאנטאג וארא, כ"ג טבת, איבערלאזנדיג א גרויסן חלל הינטער זיך, במיוחד אין די ענינים פון צניעות וקדושה, וואו ער האט זוכה געווען להאיר עינ"י ישראל ולזכות את הרבים אויף אן אויסטערלישן פארנעם. עיני עיני יורדה מים על האי שופרא דבלע ארעא.

הגאון רבי אליהו זצ"ל איז געווען נודע בשערים מיט זיין גאונות עצומה אינאיינעם מיט זיין פראקטישן מהלך צו יעדער זאך, זייענדיג מברר כמה וכמה הלכתא גבירתא, בפרט ביי שאלות וואס מאכן זיך מער אין דער היינטיגער וועלט. זיינע בירורי הלכה הבהירים זענען צושפרייט אין זיינע בארימטע ספרים, "שו"ת מחזה אליהו", "זכור ושמור" בעניני הלכות שבת, ועוד, וועלכע זענען שטארק אנגענומען אלס נכסי צאן ברזל ביי כלל ישראל אומעטום.

## א מהפיכה אינעם ענין פון קדושה וצניעות

אבער בעיקר מיט וואס הרב פאלק זצ"ל האט מזכה געווען דעם רבים איז געווען מיט זיין בארימטן ספר "עוז והדר לבושה", וואו ער האט צאמגענומען לפונדק אחד אלע הלכות פון קדושה און צניעות, בלבוש והנהגה, התרחקות מעריות, שמירת עינים, אא"וו, זייענדיג מברר מיט א געוואלדיגע קלארקייט אלע ענינים און פרטי הלכה ברב גובריה וחיליה. והשכיל להעלות על הכתב, מגדיר צו זיין די אלע פארצווייגטע סוגיות און אויסקלארן יעדע נושא באזונדער מיט אלע פרטי הלכה אויף למעשה.

דערויף האט הרב פאלק זצ"ל ארויסגעגעבן דעם ספר "לבושה של תורה" ב' חלקים, וואו ער איז מברר ומלבן בעומק גדול אלע פרטי הלכה וואס ווערן מבואר אינעם ספר "עוז והדר לבושה". מיט זיין גרויסן כח התורה שווימט ער ארום אין די אלע סוגיות און נושאים, אויסקלארנדיג אלע דינים מיט א בהירות נפלאה.

די דערמאנטע ספרים פונעם הרב פאלק זצ"ל האבן ממש געמאכט א מהפיכה ביי אידן פון אלע שיכטן איבער דער גאנצער וועלט, בעיקר ביי אזעלכע קרייזן וואו די יסודות'דיגע ענינים ווערן אין א געוויסן זין באטראכט ווי פרומקייטן און חומרות אויף וואס נישט יעדער מוז אכט געבן. אין זיין ספר שטעלט הרב פאלק אוועק די אלע גדרים מיט א קלארקייט, דער יסוד פון יעדער זאך בהלכה, און דער חוב וואס איז דא אויף יעדן איינעם זיך צו האלטן דערצו מיט א פעסטקייט. ווי דער גאון זעלבסט שרייבט אין זיין הקדמה צום ספר לבושה של תורה: "איך האב געמאכט דעם ספר בעיקר פאר די וועלכע האבן נאכנישט אנערקענט די שיינקייט פון א שלימות'יגן צניעות, וואס פאר זיי האב איך געשריבן די מינימום וואס יעדער אן אויסנאם מוז איינהאלטן".

מיט די יארן איז דער ספר איבערגעדרוקט געווארן אין עטליכע שפראכן, און אין דער זעלבער צייט אריינגעשטעלט געווארן אינעם סדר הלימודים פון פילצאליגע שולעס איבער דער וועלט, געבנדיג פאר די תלמידות א קלארקייט אין די יסודות'דיגע ענינים וואס זענען נוגע פאר יונג און אלט.

## מזכה געווען דעם רבים מיט מסירת נפש

כאטש ער האט מעיד געווען פאר זיינע נאנטע אז ס'איז אים נישט לייכט אנגעקומען זיך אריינצולייגן ראשו ורובו אין די אלע סוגיות, ווי ער איז ממליץ אויף זיך אין זיין הקדמה צום ספר "לבושה של תורה" די ווערטער פון דוד המלך ע"ה (ברכות ד.), "שכל מלכי מזרח ומערב יושבים אגודות אגודות בכבודם, ואני ידי מלוכלכות בדם", האט ער דאס געטון במסירת נפש אין א משך פון צען יאר. אין זיין עבודת הקודש האט ער געמוזט ליגן אין די אלע שווערע פארוויקלטע ענינים און באהאנדלען פארשידענע קליידער און סטיילס צו דערגיין די דרכי בעל דבר וואס איז באהאלטן דערין, כדי מברר צו זיין די אלע נושאים מיט אוועקגעשטעלטע, קלארע יסודות, וואס איז אויסגעהאלטן און וואס נישט, און דורכדעם איבערגעבן א תורה בהירה אין די וויכטיגע ענינים.

המשך אויף זייט 3

## "מיר האבן אונטערגעשאצט כלל ישראל!"

ביים הספד דורך איינעם פון די זין פון הרב פאלק זצ"ל האט ער דערציילט, אז ווען זיין טאטע איז געווען גרייט ארויסצוגעבן דעם ספר "עוז והדר לבושה", האט ער געזוכט א פובלישינג קאמפאני וואס זאל עס דריקן און פארשפרייטן. האט ער זיך געווענדן צו "ארטסקרול", אבער די תשובה איז צוריקגעקומען אז ס'איז טאקע גאר א שיינע ארבייט, אבער פאר הונדערט יאר צוריק... היינטיגע צייטן וועט מען שוין נישט קויפן אזא סארט ספר, ממילא לוינט זיי נישט דאס געשעפט.

הרב פאלק האט זיך נישט פארלוירן, זאגנדיג אז זיי זענען נישט גערעכט. כלל ישראל וויל זיין ערליך, יעדער וויל וויסן ווי אזוי די תורה הייסט זיך פירן בקדושה, און ער האט אמונה אין בנות ישראל אז זיי ווילן זיך פירן לויט'ן רצון ה'. האט ער זיך געווענדן צו "פעלדהיים", וואס זיי האבן מסכים געווען צו דריקן דערפון בלויז פופצן הונדערט בענדער, מיט'ן חשבון אז אכט הונדערט וועט קענען גיין אין די געשעפטן. אבער אויף די איבריגע זיבן הונדערט האבן זיי זיך אויסגענומען, אז אויב וועט עס נישט ווערן פארקויפט ביז א געוויסן זמן, וועלן זיי זיין געצוואונגען דאס צוריקצושיקן צום מחבר.

ס'איז אריבער א קורצער צייט, און זיי האבן זיך איבערצייגט אז אלע פופצן הונדערט שטיק זענען אויסגעלאפן, און ס'איז דא א פארלאנג דערויף פון אלע עקן וועלט. זיי האבן שנעל געדרוקט דערפון נאך און נאך, ביז היינט צוטאג ווען דער ציפער שטייט שוין ביי העכער 120 טויזנט ספרים - זיבעציג טויזנט אין ענגליש, פערציג טויזנט אין לשון הקודש, און נאך צען טויזנט אין פארשידענע אנדערע שפראכן!

א שטיק צייט שפעטער האט דער גאון באקומען א בריוו פון "ארטסקרול", וואו זיי אנטשולדיגן זיך איבער דעם וואס זיי האבן נישט געוואלט אננעמען דעם ספר. "מיר האבן האבן אונטערגעשאצט כלל ישראל," האבן זיי געשריבן.

מי כעמך ישראל!

הוצאות
טהור עינים
Cong. Tahor Eineyim | 802.327.3592
1 Karlsburg Rd. #203 Monroe NY 10950
פאר נדבות, הערות, רופט:
802.327.3592
*נשמח לשמוע הערות
צו מפרסם זיין א מעשה רופט:
845.206.9879
אדער שיקט אויף פאסט צום מערכת

על הטוב יזכר
מוה"ר כל הנדבנים החשובים הי"ו
שנדבו רוחם לתרום סכום הגון מידי חודש בחדשו, וגם אלו שנתנו נדבת לבם בעילום שם
ובס"ה נדבו זכות האדיר של 8,000 גליונות
~
זכות 3,000 גליונות
נתנדב ע"י מוה"ר יואל דרוממער הי"ו
לברכה והצלחה בכל ענינים
~
זכות 3,000 גליונות
נתנדב לע"נ הרה"ק רבי ישעי' ב"ר משה מקערעסטיר זי"ע- ולע"נ הרה"ק רבי חיים זאנוויל ב"ר משה מריבניץ זי"ע
ואלו שקנו זכות 1,000 גליונות:
הרה"ח חיים בצלאל בלום הי"ו
לברכה והצלחה בכל ענינים
מוה"ר הרוצה בעילום שמו הי"ו
לע"נ הרה"ק רבי חיים זאנוויל ב"ר משה מריבניץ זי"ע
מוה"ר הרוצה בעילום שמו הי"ו
לע"נ הרה"ח יעקב אליהו בן אהרן משה ז"ל - כ"ט שבט
הר"ר קלמן אליעזר ווערצבערגער הי"ו
לברכה והצלחה בכל ענינים

כל הזכויות שמורות
הרשות נתונה לצלם הגליון כמות שהוא על מנת לזכות הרבים, אבל אסור להעתיק ממנה קטעים בלי רשות המערכת
צו העלפן אויסטיילן דעם גליון פארבינדט אייך מיטן מערכת

תודתינו נתונה
למכון "קונטרס" על עזרתם להצלחת הגליון
קונטרס
845.210.6668